בעזהשי"ת

# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א

## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון ס"ט / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת ויקרא / ניסן תשפ"ה

# דער קאזניצער רבי, הרה"ק ר' אהרן זצ"ל

[המכונה 'דער ווילדער קאזניצער']

מ'וועט דערציילן אביסל פון הרה"ק ר' אהרן יחיאל בן ר' ירחמיאל משה פון קאזניץ זצ"ל. ער איז געווען דער זעקסטער דור בן אחר בן פונעם קאזניצער מגיד - דער עבודת ישראל.

### פון די פריערדיגע צדיקים

דער רבי שליט"א האט שוין אפאר מאל נאכגעזאגט, אז דער רבי ז"ל פלעגט רעדן פון די פריערדיגע צדיקים און וועגן זייערע פלאים'דיגע הנהגות, אבער קיינמאל נישט דערציילט קיין פלאים'דיגע זאכן פון די שפעטערע דורות, חוץ פון אים פלעגט דער רבי ז"ל יא רעדן.

### געלאפן איפן באן אום שבת

דער רבי ז"ל פלעגט דערציילן די באקאנטע מעשה, אז אמאל אין שבת איז הרה"ק ר' אהרן ארויף אויף א באן, געפארן א משך זמן ביז דער באן האט זיך אפגעשטעלט. ער איז אראפגעלאפן, און ווייטער געלאפן און געלאפן, ביז ער איז אנגעקומען צו א וואסער, וואו עס איז געשטאנען א איד און זיך געהאלטן ביים דערטרענקען - דער אויבערשטער זאל אפהיטן, און ער האט אים מציל געווען פון דאס וואס ער האט זיך געוואלט נעמען דאס לעבן.

### הקדמה צום פלאים'דיגער צדיק

פאר מ'רעדט פון א צדיק וואס האט געהאט א פלא'דיגע הנהגה, פעלט זיך אויס א שטיקל הקדמה. אזוי ווי ס'איז באקאנט איז הרה"ק ר' איציק'ל סקווירא'ר זצ"ל געווען פון די פיר זין פון טשערנאבלער מגיד וואס האבן נישט געזאגט קיין תורה. איינמאל האט מען אים שטארק געמוטשעט יא צו זאגן תורה, האט ער זיך אנגערופן מיט דעם לשון הפסוק: **'ויפשיטו את יוסף'** - מ'וויל ארייברענגען דעם צדיק אין א פשטות...

פון דעם זעט מען אז אונז האבן נישט קיין השגות בכלל אין קיין צדיקים, בפרט אין אזא צדיק וואס האט געהאט א פלא'דיגע הנהגה. צדיקים האבן געזאגט אויף אים 'הוי זהיר בגחלתו' - מ'זאל אכטונג געבן פון אים.

### חתונה געהאט פאר א קורצע צייט

אגב איז אינטערעסאנט צו וויסן, אז ער האט געהאט א רביצין פאר א קורצע צייט. שפעטער בזיווג שני' האט זי חתונה געהאט מיט דעם רבי'ן ז"ל'ס ברודער הרה"ק ר' נחום זצ"ל וואס האט געוואוינט אין בארא פארק (דער ברודער וואס האט געלאזט צוואה אז ווען דער רבי ז"ל וועט קומען זאל ער באקומען זיין הויז און ביהמ"ד).

### ר' שמעון זעליחוב'ער

איך האב געהערט פון הרב וואזנער ז"ל, וואס איז געווען א תלמיד פון ישיבת חכמי לובלין, וואס הגאון ר' מאיר שפירא זצ"ל האט מייסד געווען, און גענומען הגה"ק ר' שמעון זעליחוב'ער זצ"ל [וואס איז געווען אן איש קדוש מאד, און איז געווען דבוק אין דעם קאזניצער] צו זיין דער משגיח. דער ר' שמעון האט געשיקט הרב וואזנער צום אויסטילער רב - הרה"ק ר' פינילע זצ"ל, און צו הרה"ק ר' אהרן קאזניצער זצ"ל.

און מען האט אים אנגעזאגט, אז אפילו מ'זעט דארט זייער אינטערעסאנטע זאכן, טאר מען אבער נישט לאכן, ווייל ס'איז ממש א סכנה.

### הרב וואזנער 'שמי-א'ל'

האט הרב וואזנער דערציילט, אז ווען ער איז געקומען צו אים האט ער אים געפרעגט: "וויאזוי הייסטו?" האט ער געזאגט 'שמואל'. האט ער איבערגעפרעגט: "וויאזוי הייסטו?" און ער האט געענטפערט נאכאמאל 'שמואל', אזוי איז געווען דריי מאל. נאך דער דריטער מאל זאגט ער אים: "דו הייסט נישט 'שמואל', דו הייסט 'שמי א-ל'!"

האט הרב וואזנער געזאגט, אז ער איז תולה אז דאס וואס ער איז אזוי אויסגעוואקסן, איז פון די ווערטער פון ר' אהרן קאזניצער!

### גחלתו של הצדיק

איינס פון די זאכן וואס הרב וואזנער האט דערציילט: אמאל האט דער קאזניצער גערייכערט א ציגאר. אינמיטן האט ער געמאכט עפעס אן אינטערעסאנטע תנועה, און איינער וואס איז געווען דארט האט זיך אנגערופן: "איך מיין אז איר זענט מש... (איך וויל עס נישט ארויסזאגן)". האט ר' אהרן געענטפערט: "איך מיין אז איר זענט משו..." יענער איז רח"ל געווארן נישט נארמאל, און צום סוף האט ער זיך אליין גענומען דאס לעבן.

*

ער האט נישט געהאט קיין אייגענע דירה, ער האט געהאט געדונגען א דירה פון א גוי. אמאל איז דורך אפאר חדשים וואס ער האט נישט באצאלט קיין דירה-געלט. דער גוי איז געווען ברוגז אז ער האט נישט באצאלט דירה געלט, האט ער איין טאג ווען ר' אהר'לע איז נישט געווען אין די דירה גענומען אלע חפצים פון ר' אהר'לע און ארויסגעשטעלט אינדרויסן.

ווען ר' אהר'לע איז אנגעקומען, און געזען זיינע חפצים ליגן אין גאס, האט ער געפרעגט: "וואו הענגט מען דא?" מ'האט נישט פארשטאנען וואס דאס מיינט. עטליכע טעג שפעטער האט זיך דער גוי געהאנגען...

## מחזיר בתשובה געווען א גרויסע נשמה

אויך האט הרב וואזנער דערציילט: אז ס'איז געווען א בחור וואס האט געהייסן 'מתתי' געלמאן', וואס זיין טאטע איז ל"ע געווען זייער נישט ערליך, ממש א להכעיס'ניק רח"ל, אבער ער דער זון מתתי' האט געהאט א הויכע נשמה, און ער איז געווארן א פולקאמער בעל תשובה, און ער האט געלערנט אין ישיבת חכמי לובלין צוזאמען מיט הרב וואזנער. שפעטער איז ער געווארן פון די גרעסטע ראשי החבורות [קאמענדאנטן] אין גור.

בשעת'ן קריג האט מען געזען וואספארא הויכע נשמה ער איז געווען, ער איז געלאפן פון איין געטא צום אנדערן אויף אן אופן פלא, מ'האט נישט פארשטאנען וויאזוי ער האט עס געקענט טון, אן ווערן געכאפט. ער האט מייסד געווען 'חבורות' וואס זענען געזעסן און געהארעוועט אין לערנען באהאלטענערהייט. זיי זענען געזעסן אין די קעלערן און אין די בוידעמס און געהארעוועט, בשעת זיי האבן ממש געהונגערט. די חבורות האבן זיך פאררופן אויף זיין נאמען, 'מאתיסאוואצן'.

[ס'איז באקאנט, אז ווען דער בעלזא רב זצ"ל איז אנגעקומען קיין א"י איז ער געגאנגען באזוכן דער גור'ער רבי דער בעל אמרי אמת, און ער האט אים געזאגט: "איך האב א גרוס פון אייערע בחורים, זיי האבן מקדש שם שמים געווען!"]

האט הרב וואזנער דערציילט, אז ער האט אליין געזען ווי דער קאזניצער רבי איז איינמאל געקומען צו ישיבת חכמי לובלין, און געגאנגען אין מקוה דארט. צוויי הונדערט און פופציג בחורים האבן זיך אויסגעשטעלט אין א שורה און דורכגעגאנגען געבן שלום, און ווען דער קאזניצער איז אנגעקומען צו דעם ר' מתתי', האט ער געגעבן א פרעג: "אוי ווי, ווער איז אייער טאטע?" ער האט דאס גלייך מרגיש געווען.

## אין ישיבת חכמי לובלין

נאך האט הרב וואזנער דערציילט: אז ס'איז געווען א טיר מיט א דורכזיכטיגע גלאז, און דער קאזניצער האט זיך געשטעלט די אנדערע זייט טיר, און האט אים [הרב וואזנער] דורכגעקוקט מיט שארפע אויגן, בשעת זיין פנים האט ממש געפלאמט. זיין חבר האט אים אנגעווארנט אז ער זאל בשום אופן נישט לאכן.

## דערמאנט צו דאווענען מעריב

ס'איז געווען א איד ר' נטע ליפשיץ ע"ה, וואס איז געווען א בן אחר בן פון דער אריה דבי עילאי, און זיין זיידע איז געווען א גרויסער רבי אינדערהיים, הרה"ק ר' שלמה זלמן - דער וויאליפאלער רבי זצ"ל.

[דער בעלזא רב זצ"ל בשעת דער צווייטער וועלט-מלחמה, פאר ער איז אנטלאפן פון פוילן קיין אונגארן, איז ער די לעצטע פלאץ געווען אין די באכניע געטא, וואס דארט איז אויך געווען דער וויאליפאלער רבי, און זיי האבן זיך געטראפן. האט דער וויאליפאלער רבי געזאגט פאר דער בעלזא רב זצ"ל, אז פון אים וועט בלייבן דער איינציגסטער אייניקל ר' נטע ליפשיץ, האט ער געבעטן אז טאמער ער וועט אים טרעפן נאכן קריג, זאל ער זיך אומקוקן אויף אים. למעשה איז דער ר' נטע געווען אין אמעריקע, און האט זיך קיינמאל נישט געטראפן מיטן בעלזא רב ז"ל. דער ר' נטע האט זיך אין זיינע שפעטערע יארן געדרייט אין סקווירא.]

איך האב געהערט פון דעם ר' נטע, אז ער איז געווען אפאר וואכן ביי ר' אהרן קאזניצער, האט ער געזאגט 'פארוואס בין איך געפארן צו אים? ווייל אין פוילן האט גע'רעש'ט די פאלגנדע מעשה: אמאל איז דער ציעשנוב'ער רב געקומען אין א שטאט צו די בעדער, און ר' אהרן קאזניצער איז אויך דארט געווען.

ס'איז באקאנט אז ר' אהרן קאזניצער פלעגט אסאך מאל שפילן שאך. אמאל אינמיטן דאווענען האט ער געקענט צוגיין רוקן עפעס אויפן שאך ברעטל. אינמיטן נאכט, ווען דער ציעשנוב'ער [וואס האט נישט געקענט דעם ר' אהרן קאזניצער] איז זיך געגאנגען לייגן. אינמיטן קלאפט דער קאזניצער אריין, און פרעגט אים: "איר ווילט אפשר שפילן מיט מיר שאך?"

זאגט ער: "איך קען נישט יעצט שפילן שאך, איך בין אויסגעמוטשעט פון די בעדער, איך וויל זיך שוין גיין לייגן". און דער קאזניצער איז אוועקגעגאנגען. אפאר מינוט שפעטער קלאפט דער קאזניצער נאכאמאל אריין און פרעגט: "איר ווילט שפילן שאך?" האט ער געענטפערט: "איך האב אייך שוין געזאגט, לאזט מיר מנוחה, איך האב נישט קיין כח צו דעם יעצט".

האט זיך אנגערופן דער קאזניצער: "איז נישט שאך, וואס וועט אבער זיין מיט מעריב?..." האט זיך דער ציעשנוב'ער רב געכאפט, אז ס'איז געווען דאס ערשטע מאל אין לעבן וואס ער האט פארגעסן פון צו דאווענען, און ר' אהרן קאזניצער האט אים דערמאנט.

האט מיר ר' נטע געזאגט, אז די מעשה האט בשעתו גע'רעש'ט אין פוילן, און דאס האט אים געגעבן א חשק צו פארן.

## פרייטאג נאכמיטאג

ער איז געפארן און אנגעקומען פרייטאג. האט ער דערציילט, אז פרייטאג נאכמיטאג ווען דער קאזניצער איז אהיימגעקומען פון מקוה, האט ער געגעסן 'טועמיה', פיש מיט סעלצער, און נאכדעם איז ער געגאנגען זיך לייגן לכבוד שבת, און ער האט נאכגעזאגט פון הרה"ק מלעכאוויטש, אז מ'מוז זיך אראפלייגן פרייטאג נאכמיטאג, און ווער ס'לייגט זיך נישט אראפ איז די סעודה פרייטאג צונאכטס אזוי ווי א פשוט'ע וועטשערע (נאכטמאל).

נאכדעם איז ער געקראכן אויף אלע פיר, זיך אראפגעלייגט פאר א מינוט/צוויי, זיך געגעבן א הייב אויף, און געזאגט: "אה, מ'איז אויסגעשלאפן". און אמאל האט ער געקענט זאגן: "אז מ'רוט זיך אויס, איז מען אן אנדערער מענטש!" אמאל האט ער צוגעלייגט: "אז מ'איז אן אנדערע מענטש, דארף זיך דער אנדערער מענטש אויך אויסרוען..."

שפעטער האט ער געזאגט: "נו, וואו גייט מען דאווענען?" איינער האט געזאגט אין יענע שטוב, אן אנדערער האט געזאגט אין יענעם שטוב. איינער האט זיך אנגערופן: "און אפשר אין ביהמ"ד?" האט זיך דער קאזניצער אנגערופן: "אה, דאס איז מיר שוין נישט איינגעפאלן..."

ביי קידוש האט מען געזען ווי די קאלירן פון פנים האבן זיך געטוישט זעקס/זיבן מאל.

## ר' נטע'ס יחוס...

ר' נטע האט דערציילט, אז ס'איז געווען אמאל אינמיטן וואך וואס מ'האט געגעסן א סעודה. מ'האט אריינגעברענגט א ברויט און עפעס צו איינטינקען. די אידן וואס האבן זיך געדרייט ארום אים

זענען געווען גאר שוואכע, וואס ער האט זיי געמאכט פאר בעלי תשובה, און ער האט זיי גערופן 'די וויאסק' [זיין מיליטער]. ביי יענע סעודה האט ער געזאגט אז יעדער דארף זאגן וויאזוי מ'זאל עסן דעם ברויט, געשמירט אדער געטינקען? און אויך א סברא פארוואס ער האלט אזוי?

ווען ס'איז געקומען צו ר' נטע האט ער געזאגט: "איך האלט אז מ'דארףביידע, שמירן און איינטינקען..."

"אה הא... דאס איז קיינעם נישט איינגעפאלן". פון דעמאלס איז ער געווארן א גאנצער יחסן ביי אים און ער האט אים געהייסן זיצן אויבנאן.

## געקומען מיט די זאקן

אז מ'רעדט שוין פון דעם ר' נטע, האט ער דערציילט נאך אן אינטערעסאנטע זאך, אז ער האט אמאל געהערט אז דער מונקאטשער רב איז געקומען קיין פוילן, און ער האט געהאט שטארק חשק צו פארן, אבער ער האט נישט געוואלט פרעגן זיינע עלטערן, ווייל ער האט מורא געהאט אז מ'וועט אים נישט לאזן פארן, ווייל ס'פאסט נישט פאר קיין רבי'ש אייניקל צו גיין צו אן אנדערער רבי. איז ער געגאנגען צופיס אן רשות. ער איז געגאנגען, און זיינע פיס זענען אים געווארן געשוואלן.

דעם קומענדיגן צופרי האט ער נישט געקענט אנטון זיינע שיך, איז ער געגאנגען צום מנחת אלעזר געבן שלום נאר מיט זאקן. ווען ער איז ארויסגעגאנגען האט דער מנחת אלעזר געזען ווי ער האלט די שיך אין די הענט, האט ער אים צוריקגערופן און געפרעגט: "וויאזוי הייסטו?" ער האט נישט געוואלט זאגן, ווייל ער האט נישט געוואלט מ'זאל געוואויר ווערן אז ער איז געווען ביים מנחת אלעזר. אבער דער מנחת אלעזר האט נישט נאכגעלאזט, האט ער געזאגט 'נטע'. למעשה האט דער מנחת אלעזר נישט נאכגעלאזט, ביז צום סוף האט ער מודה געווען אז ער הייסט 'נטע ליפשיץ'.

"איר זענט אפשר וויאליפאלער רבי'ס אייניקל?" האט ער געזאגט "יא". האט דער מנחת אלעזר געזאגט אז ער האט הנאה, ווייל יעצט איז מקויים געווארן זיין זיידנ'ס ווערטער. די מעשה איז געווען אזוי: דער מונקאטשער רב איז געווען אן אייניקל פון הרה"ק ר' אלעזר לאנצוטער זצ"ל, וואס איז געווען א זון פונעם בני יששכר [זיין ספר הייסט 'יודעי בינה'].

דער ר' אלעזר לאנצוטער האט געהאט אמאל א וויכוח מיט א צווייטן (וועגן א רבנות שטעלע), און זיין זיידע, א זון פון דער ארי' דבי אילעא, האט געהייסן ר' אהרן זעליג, מ'האט אים גערופן ר' אריש, ער האט געהאלטן מיטן צווייטן.

פאר ר' אלעזר לאנצוטער האט עס ווי-געטון, האט ער זיך אנגערופן פאר דעם ר' אריש: "אייער אייניקל וועט נאך קומען צו מיין אייניקל מיט די זאקן..." האט דער מנחת אלעזר אויסגעפירט: "איך האב הנאה, ווייל יעצט איז מקויים געווארן דעם זיידנ'ס ווערטער".

## פלא'דיגע התנהגות

דער ר' נטע האט אויך דערציילט, אז ער האט אליין געהערט פון ר' שמעון זעליחובער, וואס האט געזאגט אויף ר' אהרן קאזניצער 'אז ער האט אזא גרויסע נשמה, אז ווען ער וואלט זיך נישט אויפגעפירט מיט אזא פלא'דיגע התנהגות, וואלט ער זיך נישט געקענט האלטן אויף דער וועלט אין זיין גוף'.

*

אינדערהיים האבן די גור'ע חסידים נאכגעזאגט פון דעם אמרי אמת פון גור, אז ווען נישט ער וואלט זיך אויפגעפירט אזוי פלא'דיג, וואלט ער געקענט ברענגען משיח'ן!

*

אמאל האט ער געשמועסט וועגן איינעם א בכבוד'יגער מענטש, האט זיך איינער אנגערופן: "מ'קען אים נישט אוועקמאכן סתם אזוי מיט די הענט". האט זיך אנגערופן דער קאזניצער: "נאר מיט א לאפעטע" (מיט א שאוול...).

*

אסאך מאל אינמיטן טיש האט ער געקענט געבן א טאנץ ארויף אויפן טיש און עפעס אויסרופן.

*

אמאל איז ער געווען אין ווארשא און געפירט טיש, און מ'האט געטיילט דארט ביר, האט ער געבעטן מ'זאל אים געבן אלע ליידיגע פלעשער ביר. אונטער אים איז געווען א פענסטער צום גאס, און יעדע ליידיגע פלעשל וואס ער האט באקומען האט ער ארויסגעווארפן פון פענסטער. פלאי פלאים איז געווען, אויפן גאס האט זיך קיין איין פלעשל נישט צעבראכן, נאר יעדע איינס האט זיך געשטעלט אין א שורה נעבן דעם אנדערן.

## זיין צורה

ר' שמעון זעליחובער האט געזאגט אויף אים, אז ער איז א ילד שעשועים ביים אויבערשטן, אז מ'קוקט דעם יונגערמאן אויפן שטערן זעט מען אז ס'איז דא א בורא עולם אויף דער וועלט!

*

מ'האט אמאל געוויזן א בילד פון אים פאר דער לעלוב'ער רבי פון א"י, הרה"ק ר' משה מרדכי זצ"ל, וואס ער איז אויך געווען א שטיק צייט ביי אים אין אטוואצק אין פוילן, האט ר' משה מרדכי געזאגט: "יא, דאס איז איינע פון זיינע צען צורות!"

## מושך געווען און מחזיר געווען

ער האט אמאל געזאגט: "אז איינער רירט נאר אן די קלאמקע קען איך שוין דעם מענטש אדורך און אדורך". ער האט אמאל געזאגט: "איך דארף זיך אפהאלטן פון גרוסן א איד, ווייל אויב יא איז ער שוין מיינס". ער האט געהאט זייער שארפע אויגן, אבער ס'האט מורא'דיג געצויגן.

*

ס'פלעגן זיך דרייען ארום אים גאר שוואכע מענטשן און ער האט זיי געמאכט פאר בעלי תשובה. ער האט אמאל געזאגט: "איך מאך פון גוים אידן. שפעטער קענען זיי גיין ערגעץ אנדערש".

## געווארפן א פחד

ס'איז געווען א חסיד זיינער, ר' משה אלימלך בורנשטיין, ער האט געוואוינט אין קרית באבוב אין א"י, ווען ער פלעגט שמועסן פון ר' אהרן קאזניצער פלעגט ער זאגן: צום רבי'ן זענען געקומען גאר פראסטע מענטשן און ער האט זיי מקרב געווען. אזוי אויך זענען געקומען גאר דערהויבענע חסידים. אבער אלע פון זיי, אז דער רבי האט זיך אויסגעדרייט צו איינעם אדער גערעדט צו איינעם, האבן די ציינער געקלאפט פון גרויס פחד. אלע האבן פארשטאנען אז ס'דרייט זיך ארום אונז אן איש קדוש".

ער האט געזאגט אז אפילו ביים טיש האט מען מורא געהאט ארויפצולייגן די עלבויגן אויפן טיש פון גרויס פחד.

*

ס'זענען געווען מאפיע גרופעס וואס אפילו די פאליציי האבן געציטערט פון זיי, אבער ער האט זיי געקענט רופן צו זיך, און זיי זענען געקומען צו אים מרוב פחד.

## געפארן קיין לאנדאן

ס'איז געווען א איד וואס איז געווען שוואך אין אידישקייט, וואס פלעגט זיך דרייען ביי אים, און ס'איז אים געווען צו אנגעשטרענגט, האט ער געזאגט אז ער גייט מאכן פליטה, ער איז געפארן קיין לאנדאן. קיינער האט נישט געוואוסט וואו ער איז. ער האט געמיינט אז ער וועט גיין קיין לאנדאן וועט ער קענען טון וואס ער וויל חלילה... ער וועט נישט האבן די עול פונעם רבי'ן.

למעשה, אין איינע פון די טעג איז ר' אהרן קאזניצער בכבודו ובעצמו אנגעקומען קיין לאנדאן. ער האט זיך אנגעהויבן נאכצופרעגן די סדר פון די באסעס, וועלכע גאסן זיי פארן, און אין וועלכע זמנים זיי פארן. ער האט געמאכט א חשבון ביי זיך: "דער צייט נישט". אזוי האט ער אויסגערעכנט יעדע באס וואס נישט, ביז ס'איז אנגעקומען צו איין באס, האט ער געזאגט: "אה, די באס זוך איך". ער איז אנגעקומען צו יענעם באס, די גאס הייסט 'מענדער ראוד'. ער איז אנגעקומען צו דעם גאס און געזען די באס פארט, האט ער זיך געגעבן א שטעל אריין אין גאס, און געמאכט מיט די הענט אז די באס זאל זיך אפשטעלן. ער איז אריין אין באס און גלייך צוגעגאנגען צו דעם אנטלאפענער איד, ער האט אים אנגעכאפט און געזאגט: "דו קומסט מיט מיר..." אזוי האט ער אים מציל געווען און ווייטער מחזיר בתשובה געווען!

ס'זענען דא וואס זאגן אז די מעשה איז געווען שבת אינמיטן דאווענען איז ער ארויס מיטן טלית, און אריינגעשטעלט די פיס אינמיטן גאס אז די באס זאל נישט קענען ווייטער פארן, און ער האט געהייסן אז מ'זאל יענעם אראפרופן פון באס: "אז דער קאזניצער רבי רופט אים".

## נעלם געווארן אינמיטן טיש

אויך דערציילט מען, אז אינמיטן פירן טיש האט ער געקענט נעלם ווערן, קיינער האט נישט געוואוסט וואו ער איז. אסאך מאל איז ער געגאנגען צום טעאטער, זיך געשטעלט ביים טיר, און אריינגעקוקט אין פנים פון יעדער וואס איז אריין, און ער האט געקענט רופן דעם מענטש צו זיך אז מ'זאל קומען צו אים צום טיש, און יענעם מחזיר בתשובה געווען. אסאך מאל האט ער געקענט אריינגיין אין טעאטער אליין, צוגיין צו די אידן און פרעגן: "וויאזוי קענסטו אריינגיין אין אזא שטוב, ס'האט נישט קיין מזוזה..."

אדער האט ער אמאל געקענט זאגן: "ס'איז טאקע זייער שיין און אינטערעסאנט, אבער מ'טאר נישט זיצן דא ווייל ס'איז א מושב לצים". אזעלכע פשוט'ע ווערטער האט ער געקענט זאגן און אוועקגיין, און זיי זענען אים נאכגעלאפן, ס'האט זיי געצויגן, און אזוי האט ער זיי מחזיר בתשובה געווען.

*

אמאל איז ער אריין אין טעאטער, ארויף אויפן בימה פון די שפילערס, צוגעגאנגען צו איינער פון די הויפט שפילערס און צעריסן זיין קלייד. דער גאנצער עולם האט אנגעהויבן לאכן, מיינענדיג אז ס'איז א חלק פון דעם שפיל. למעשה איז ער נאכגעלאפן דעם רבי'ן, און ער האט אים מחזיר בתשובה געווען.

## מפקיר געווען גוף און נשמה

הרה"ק ר' משה מרדכי לעלוב'ער האט געזאגט: "אין די וועלט האט מען מרענן געווען און געהאט קשיות אויף אים, למעשה פונקט פארקערט, ער האט מפקיר געווען פאר כלל ישראל'ס וועגן זיין גוף און זיין נשמה, אויף אזא איינעם קען מען פרעגן קשיות?..."

## מוציא יקר מזולל

ס'איז געווען א באבוב'ער חסיד ר' נפתלי בנימין עקשטיין ע"ה, וואס האט געהאט א פיש געשעפט אין די וועסט-סייד-מאנהעטן, וואו רביצין זאקס - די טאכטער פונעם חפץ חיים - פלעגט קומען איינקויפן פיש פאר שבת. און ער האט זיך אויסגענומען מיט איר א תנאי, אז יעדעס מאל זי קומט אריין צו אים אין געשעפט, זאל זי דערציילן עפעס א סיפור פון איר טאטן דער חפץ חיים, דעמאלס איז ער איר מבטיח אז ער וועט איר נעמען אלס די ערשטע קאסטומער אפילו ס'וועט שטיין א לאנגע שורה מיט מענטשן.

איינמאל האט זי דערציילט, אז נאך די חתונה האט זי געווארט אפאר יאר געהאלפן צו ווערן מיט קינדער, איז זי געגאנגען צו איר טאטן פאר א ברכה, האט ער איר געזאגט אז ער קען איר נישט העלפן. זי האט נישט נאכגעלאזט, זי האט גע'טענה'ט אז זי זעט ביי אים גרויסע ישועות?

האט איר דער חפץ חיים געזאגט: "ווייסטו וואס, גיי צום קאזניצער רבי". האט זי אים געפרעגט: "פארוואס שיקסטו מיר אהין, די קענסט מיר נישט פועל'ן?"

האט איר דער חפץ חיים געענטפערט: "דער קאזניצער רבי האט א גרויסער כח, ווייל ער איז 'מוציא יקר מזולל' - ער נעמט ארויס נשמות פון טומאה און ער איז זיי מחזיר בתשובה".

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**

להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658 עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865

צו באקומען די גליון MlavaMalka@gmail.com